פסח־העפט תרצ״ד

# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און ארגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאָן

| ב״ה, לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | ניסן תרצ״ד | נומער 114 | עלפטער יאָרגאַנג |
|---|---|---|---|

## אַחודש פאַר בית־יעקב ליטעראַטור!

**שוין אַ היפשע צייט ווי מיר רעדן נישט אויף אונדזערע בלעטער וועגן זיי אַליין. די פאַרשיידינע פּראָבלעמען און אַקטועלע ענינים, פאַר וועלכע מיר אַרביטן לעצטנס, האָבן אָפּגעוועגט ביי אַלע דאָס קלערן און טון עפּיס וועגן בית־יעקב־זשורנאַל גופא.**

נישט געקוקט דערויף, וואָס מיר זענען ברוך־השם היינט אַ פּיל־גרעסערע מאַסע, ס־זענען געשטיגן די צאָל פון בית־יעקב־שולן און בנות־אָרגאַניזאַציעס, געפינט זיך אונדזער זשורנאַל אין אַ גאָר שווערן מצב.

מיר מוזן כסדר ביי יעדן מאָל אַרויסגעבן אַ נייען נומער, אָנטרעפן אויף שוועריקייטן, און דאָס שטערט שטאַרק די ווייטערע אַנטוויקלונג פונים זשורנאַל, אָן וועלכן אונדזער גאַנצע באַוועגונג האָט נישט קיין שום אויסזיכטן אויף אַנטוויקלונג און דערפאָלג.

צענדליקער שולן און בנות־אָפּטיילונגען טון לחלוטין גאָרנישט פאַרן פאַרשפּרייטן די אייגענע טריבונע און דאָס איז פּשוט אַ פאַרברעך! אין אונדזער גאַנצער מחנה מוז איינגעפירט ווערן דיסציפּלין! נישט־דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציעס וועלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער באַוועגונג און וועלן אין קיין שום ענין נישט באַריקזיכטיקט ווערן. דאָס נישט זאָרגן דערפאַר, אַז לכל־הפּחות יעדע אגודיסטישע פרוי און מיידל זאָל לייענען דאָס בית־יעקב־זשורנאַל, איז אַן־אפּינער פאַראַט לגבי זיך אַליין, לגבי דער גאַנצער אָרטאָדאָקסישער פרויען־וועלט.

אויף אַלע בנות־קאָנפערענצן, וואָס זענען לעצטנס פאָרגעקומען, איז געווען שטאַרק דער דראַנג צו נייע שריפטן, וואָס דאַרפן אַרויסגעיין צו העלפן אָרגאַניזאַטאָריש און קולטורעל דאָס רעליגיעזע פרויען־לעבן. אָבער ווי אַזוי קען מען גיין אַ ווייטערן טריט? ווי קען מען אָנהייבן נייע אונטערנעמונגען, ווען דאָס עלימענטאַרסטע, דאָס לייענען און פאַרשפּרייטן די אייגענע שריפט, וואָס לערנט, דערציט און גיט אַריין חיות און היימישקייט אין די אייגענע רייען — דאָס ווערט נישט אויסגעפירט!

מיר פּראָקלאַמירן אַ חודש פאַר דער בית־יעקב־ליטעראַטור! פון **חול המועד ביז ל״ג־בעומר** דאַרף אין יעדן אָרט קודם געשאַפן ווערן אַ פעסטע פרעסע־קאָמיסיע, וואָס זאָל דורכפירן אַן־אַבאָנענטן־אַקציע אויפן בית־יעקב־זשורנאַל. די בנות־חברה און **יעדע** פרוי־סימפּאַטיקערן, וואָס האָט נאָר די מעגלעכקייט, מוז מען אָנווענדן אַלע מיטלען, אַז זי זאָל זיין אַ שטענדיקער אַבאָנענט. עס **טאָר** נישט בלייבן קיין איינע!

אין דעם דאָזיקן חודש מוז אויך געפירט ווערן אַן־אַקציע פאַרן פאַרקויף פון שרה שענירערס געזאַמלטע שריפטן. עס דאַרף **יעדע** יידישע רעליגיעזע טאָכטער זיך האַלטן פאַר אַ הייליקן חוב צו האָבן די „שריפטן״ פון דער שעפערן פון בית־יעקב־געדאַנק.

**שטרענגט אָן אייערע אַלע כוחות פאַרן דערפאָלג פון דעם פרעסע־און־ליטעראַטור־חודש און דאָס וועט געבן מוט און הילף צו פאַרגרעסערן דאָס אַרויסגעבן נייע וויכטיקע שריפטן!**

לאָדז, ניסן התרצ״ד

**צענטראַלע „בנות אגודת ישראל״ אין פוילן**

